**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/22/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט וויכטיגע גייסטישע געזונטהייט אינוועסטירונגען פאר אלע ניו יארקער אלס טייל פון בודזשעט אפמאך פאר פיסקאלע יאר 2025**

***טיילט צו 20 מיליאן דאלאר צו פארמערן סקול-באזירטע גייסטישע געזונטהייט קליניק אפטיילונגען אריבער די סטעיט; 19 מיליאן דאלאר פאר גייסטישע געזונטהייט איניציאטיוון פאר סקול קינדער***

***לייגט צו 200 אינפעישענט פסיכיאטרישע בעטן ביי סטעיט-אנגעפירטע איינריכטונגען, אריינרעכענענדיג 75 'אריבערגאנג אהיים' בעטן***

***פארלאנגט פון קאמערציעלע אינשורענס פראָווײַדערס צו צאלן צום וויניגסטנס אזוי סאך ווי די מעדיקעיד ראטע פאר לייסענסירטע אַוטפעישענט גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס***

***פינאנצירונג בויט ארויף אויף גאווערנער האקול'ס לאנד'ס-פירנדע 1 ביליאן דאלארדיגע פלאן צו טראנספארמירן די גייסטישע געזונטהייט קעיר סיסטעם***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט וויכטיגע גייסטישע געזונטהייט אינוועסטירונגען פאר ניו יארקער אלס טייל פון די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025. ארויפבויענדיג אויף די אינוועסטירונגען פון איר 1 ביליאן דאלארדיגע פלאן איבער עטליכע יאר צו פארשטערקערן די סטעיט'ס גאנצע גייסטישע געזונטהייט קעיר סיסטעם, לייגט די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 צו קאפאציטעט אריבער די סיסטעם; עס ברייטערט אויס עקזיסטירנדע פראגראמען וואס האבן א רעפוטאציע פון הצלחה; פינאנצירט נייע אויפגעוויזענע איניציאטיוון; און פארמערט דאס דירעקט ארבעטן צוזאמען מיט פאציענטן ביי יעדע שטאפל פון סערוויס.

"דער גייסטישע געזונטהייט קריזיס איז די פראבלעם וואס שפיגלט אפ אונזער תקופה, און איך בין פארפליכטעט צו אויסברייטערן הילפס-מיטלען און שטיצע פאר ניו יארקער וועלכע דארפן אן אונטערהאלטנדע האנט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ארויפבויענדיג אויף די הצלחה פון לעצטער יאר'ס טראנספארמאטיווע 1 ביליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג, וועט אונזער בודזשעט היי יאר פארזעצן צו טראנספארמירן די גאנצע קעיר סיסטעם כדי ניו יארקער זאלן קענען באקומען די קעיר וואס זיי דארפן."

**<u>גייסטישע געזונטהייט שטיצע פאר ניו יארק'ס יונגווארג</u>**

גאווערנער קעטי האקול האט געלייגט דאס זיך ספראווען מיט דעם גייסטישע געזונטהייט קריזיס צווישן יונגווארג פאר א פריאריטעט אין איר אלגעמיינע גייסטישע געזונטהייט אגענדע. אין פעברואר האט די גאווערנער אנאנסירט איר פלאן צו דראסטיש פארמערן ערשטיגע פינאנצירונג און ארויסשטעלן 20 מיליאן דאלאר צו פארטיילן פאר סקולס אריבער די סטעיט צו עפענען איינציגווייזע גייסטישע געזונטהייט קליניק אפטיילונגען, מאכנדיג דאס גרינגער פאר די שילער און זייערע פאמיליעס צו צוקומען צו קלינישע

סערוויסעס. ביז היינט זענען מער פון 1,100 סקול-באזירטע גייסטישע געזונטהייט קליניק אפטיילונגען שוין אין אפעראציע אדער אין דעוועלאפמענט.

די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 בויט ארויף אויף די אינוועסטירונג מיט מער פון 19 מיליאן דאלאר צו צושטעלן קריטישע קעיר פאר יונגע מענטשן אינדרויסן פון די סקול, אריינרעכנענדיג פארמערן הילפס-מיטלען פאר יונגווארג וואס באקומען באהאנדלונג אין זייער קאמיוניטי אדער, ווען נויטיג, אין קעיר אנשטאלטן וואו די קינדער וואוינען. צענטראלע אינציאטיוון ווי די 'אסערטיווע קאמיוניטי באהאנדלונג פאר יונגווארג' (Youth Assertive Community Treatment) מאנשאפטן – וועלכע שטעלן צו ארומנעמיגע סערוויסעס און שטיצע פאר יונגע מענטשן וואס זענען אין סכנה פון דארפן ווערן האספיטאליזירט אדער אריינגעלייגט צו וואוינען אין א פסיכיאטרישע אנשטאלט – וועלן אויסגעברייטערט ווערן מיט 9.6 מיליאן דאלאר צו פארזעצן זיי צו באדינען אינדערהיים און אין זייער קאמיוניטי, ווען אימער מעגליך. נאך 4 מיליאן דאלאר וועט שטיצן א הלוואה פארגעבונג פראגראם ספעציפיש פאר לייסענסירטע גייסטישע געזונטהייט קלינישע פראפעסיאנאלן וואס באדינען קינדער און פאמיליעס.

<u>**שטיצע פאר מענטשן מיט ערנסטע גייסטישע קראנקהייטן**</u>

די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 זעצט פאר צו אינוועסטירן אין קעיר פאר מענטשן מיט קאמפליצירטע אויפפירונג געזונטהייט שוועריגקייטן, אריינרעכנענדיג ניו יארקער מיט ערנסטע גייסטישע קראנקהייטן. די בודזשעט טיילט צו 55 מיליאן דאלאר צו צולייגן 200 נייע בעטן פאר האספיטאליזירטע פאציענטן ביי סטעיט-אנגעפירטע פסיכיאטרישע אנשטאלטן, אריינרעכנענדיג 15 בעטן צו באדינען קינדער און צענערלינגען, 85 ציווילע בעטן פר ערוואקסענע און 25 בעטן פאר פאציענטן וואס זענען טייל פון אן אנגייענדע אויספארשונג.

די פינאנצירונג וועט אויך אוועקשטעלן דריי נייע 'אריבערגאנג אהיים' (Transition-to-Home) יוּניטס, יעדע איינס מיט 25 בעטן, ביי סטעיט-אנגעפירטע פסיכיאטרישע צענטערן כדי צו אויסברייטערן דעם ערפאלגרייכן פראגראם צו באפעלקערונגען וואס נויטיגן זיך אין ספעציאליזירטע קעיר, אריינרעכנענדיג מענטשן מיט א פארגאנגענהייט פון זיין פארפלאנטערט מיט די קרימינאלע יוסטיץ סיסטעם. די 'אריבערגאנג אהיים' יוּניטס קאנצענטרירן זיך אינטענסיווערהייט אויף צו גיבן די כלים זיך צו באגיין מיט דאס לעבן פאר מענטשן וואס גייען אריבער היימלאזיגקייט און גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען.

די גאווערנער האט אויך לעצטנס פארגעשלאגן נייע רעגולאציעס וואס זענען געשריבן געווארן צו גיבן אנווייזונגען פאר די באפרייאונג פון מענטשן נאכן זיין האספיטאליזירט אדער אין עמערדזשענסי פסיכיאטרישע פלעצער און אין שפיטאל עמערדזשענסי רום פלעצער. די בודזשעט טיילט צו 7 מיליאן דאלאר פאר די אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health, OMH) צו דורכפירן באמיאונגען פאר נאכפאלגונג פון די סיסטעם און זיכער מאכן אז רעגולאציעס ווערן אויסגעפאלגט.

צום שלוס, רעכנט די בודזשעט אריין 33 מיליאן דאלאר צו פארבעסערן די צוזאמענארבעט מיט מענטשן וואס לעבן מיט גייסטישע קראנקהייטן און זענען פארפלאנטערט מיט די קרימינאלע יוסטיץ סיסטעם. די פינאנצירונג וועט פארבעסערן די תוצאות דורכן זיכער מאכן אז מענטשן מיט א פארגאנגענהייט פון גייסטישע געזונטהייט באהאנדלונג, זיך נישט ווענדן פאר גענוג באהאנדלונג אדער אנדערע גייסטישע געזונטהייט זארגן ווערן פארבינדן מיט נויטיגע סערוויסעס און שטיצע.

<u>**העכערן אינשורענס ראטעס פאר גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס**</u>

גאווערנער האקול בלייבט ווייטער איבערגעגעבן צו מאכן רעקארד-הויכע אינוועסטירונגען אין גייסטישע געזונטהייט, אריינרעכנענדיג דורכן פארבעסערן אינשורענס דעקונג פאר גייסטישע געזונטהייט קעיר. די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 וועט פאדערן פון קאמערציעלע אינשורענס פירמעס צו באצאלן פאר סטעיט-לייסענסירטע אַוטפּעישענט גייסטישע געזונטהייט און דראג באנוץ סערוויסעס צום וויניגסטנס

אויף די ראטע וואס מעדיקעיד צאלט. אין די פארגאנגענהייט זענען פילע אינשורענס ראטעס פון קאמערציעלע פירמעס געווען צו נידעריג צו דעקן די קאסטן וואס ווערן אנגעזאמלט פון צושטעלן סערוויסעס פאר פאציענטן. די בודזשעט אינוועסטירט אויך 84 מיליאן דאלאר צו פארמערן מעדיקעיד צוריקצאלונג פאר סערוויסעס וואס ווערן צוגעשטעלט ביי געוויסע לאקאציעס וואס באהאנדלען גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען.

די גאווערנער האט אויך לעצטנס פארגעשלאגן רעגולאציעס צו אוועקשטעלן סטאנדארטן פאר קאמערציעלע אינשורענס פירמעס פאר די ברייטקייט פון זייערע געדעקטע נעטווארקס פאר אויפפירונג געזונטהייט סערוויסעס. די רעגולאציעס שלאגן פאר צו אוועקשטעלן פאדערונגען פאר ווי לאנג פאציענטן זאלן געלאזט ווערן צוווארטן פאר אן אפּוינטמענט פאר גייסטישע געזונטהייט און דראג באנוץ קראנקהייט סערוויסעס, און ווען א פראָווײַדער אין די נעטווארק איז נישט אווילעבעל ביז די צייט וועלן אינשורענס פירמעס געפאדערט ווערן צו ערלויבן צוטריט צו א פראָווײַדער פון אינדרויסן פון די נעטווארק אן קיין צוגעלייגטע קאסטן. ענליכע סטאנדארטן אויף די ברייטקייט פון דעקונג פאר אויפפירונג געזונטהייט זענען פארגעשלאגן געווארן פאר דעם מעדיקעיד פראגראם.

אנדערע איניציאטיוון אריינגערעכנט אין די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 צו ארויסהעלפן ניו יארקער אריבער די סטעיט רעכענען אריין 90 מיליאן דאלאר אין אפּיויד סעטלמענט געלטער, וואו ניו יארק סטעיט וועט פארזעצן צו שטיין אין שפּיץ פונעם לאנד מיטן אויסטיילן די געלטער וואס זענען פארזיכערט געווארן אין סעטלמענט אפמאכן מיט אפּיויד מעניופעקטשורערס און מעדיצינען פירמעס.

די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 טיילט אויך צו 2 מיליאן דאלאר פאר זעלבסטמארד פארמיידונג באמיאונגען צווישן ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער. דאס קומט אין צוגאב צו די 1 מיליאן דאלאר צוגעטיילט יערליך פאר זעלבסטמארד פארמיידונג באמיאונגען פאר וועטעראנען, ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער, געזעץ אינפארסירונג און טורמע אפיצירן.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן